# אבאמא פארשפרעכט קאמף קעגן אייסיס

פרעזידענט אבאמא האט פאריגע וואך מיטוואך נאכט געהאלטן א וויכטיגע רעדע צום פאלק אין וואס ער האט פארשפראכן אונטערצונעמען א קאמף אויסצוראטן די אייסיס טעראריסטן און רוצחים. ער האט קאטעגאריש דערקלערט, אז אונזער ציל איז קלאר: מיר וועלן מינימיזירן און עווענטועל פארניכטן אייסיס (ער נוצט דעם אויסדרוק "אייסיל", וואס דאס האבן די טעראריסטן גענוצט פאר זיי האבן געטוישט צו אייסיס) דורך א פולן און אנהאלטענדן קאנטער-טעראריזם סטראטעגיע.

ער האט אויך געזאגט אז ער וועט זיך נישט צוריקהאלטן פון נעמען שריט קעגן אייסיס אין סיריע, ווי אויך אין איראק. שפעטער האט מען אויפגעקלערט אז סיריע איז נאכנישט אזוי אקטועל, ווייל דארט האט נאך אמעריקע נישט גענוג שפיאנאזש מעגליכקייטן, און עס דויערט צייט ווי לאנג מ'קען געהעריג איינפעדעמען א פראגראם אויף וועמען צו צילן אזעלכע אטאקעס. אין איראק באמבארדירט שוין איצט אמעריקע, און עס מוז האבן א געוויסן דערפאלג, אבער סיריע וועט נאך דויערן אביסל צייט ביז אמעריקע וועט קענען דארט באמבארדירן אויף א ריכטיגן פארנעם, אויף די ריכטיגע צילן.

אבאמא האט אבער אויך קלאר דערקלערט אז ער האלט נישט ביים שיקן קיין לאנד טרופן קיין סיריע אדער איראק צו באקעמפן אייסיס.

רעאקציעס צו די אבאמא רעדע זענען געווען פארשידנארטיג, ווי פארשטענדליך, אבער דאס לאנד שטיצט אין אלגעמיין אמעריקאנער מיליטערישע אקציעס קעגן אייסיס. עס איז אנטשטאנען א דראמאטישע ענדערונג פון פאר א יאר, וואס דאן ווען אבאמא האט גערעדט פון באמבארדירן די אסאד קרעפטן אין סיריע, נאכדעם ווי זיי האבן גענוצט כעמישע וואפן און אבאמא האט געהאט געווארענט אז דאס איז א "רויטער שטריך", וואס מיינט אז אויב אסאד וועט נוצן די סארט וואפן וועט אמעריקע נעמען שריט קעגן אים, האט אבער דאס אמעריקאנער פאלק נישט געוואלט הערן דערפון, און אבאמא האט טאקע נישט באמבארדירט סיריע. ער האט געסטראשעט און האט זיך צוגעגרייט דערצו, ביז רוסלאנד האט אינטערווענירט און אויסגעארבעט עפעס א פשרה אונטער וואס אסאד האט זיך פארפליכטעט אוועקצוגעבן די אלע סארט וואפן זאפאסן, און ער האט מער-ווייניגער געהאלטן ווארט. איצט איז אבער דאס אמעריקאנער פאלק געווארן שטארק אויפגעברויזט צוליב די ברוטאלע מארדן וואס אייסיס האט דורכגעפירט אויף 2 אמעריקאנער זשורנאליסטן, און מ'שטיצט יא מיליטערישע אקציעס קעגן אייסיס.

פאריגע וואך, אין פארבערייטונג צו די אבאמא רעדע, האט אויסגעזען ווי עס אנטוויקלט זיך א ברייטע אינטערנאציאנאלע קאאליציע צו שטיצן שריט קעגן אייסיס, אבער דאס האט זיך עטוואס אפגעקילט. דייטשלאנד און טערקיי האבן שוין געמאלדן אז זיי וועלן זיך נישט אנשליסן זיך אין א מיליטערישע אקציע קעגן אייסיס, וואס דאס איז געווען א היבשע נידערלאגע פאר אמעריקע.

אויך מיט ענגלאנד איז נישט באלד קלאר געווען וואס איר רעאקציע וועט זיין, אבער נאכדעם ווי אייסיס האט פובליצירט א ווידיא ווי זיי האבן אפגעהאקט דעם קאפ פאר א בריטישן געפאנגענעם, האט דאס פארזיכערט אז ענגלאנד וועט זיך יא פולשטענדיג באטייליגן אין קאמף קעגן אייסיס.

טערקיי איז א קריטישע אליאירטע פאר אמעריקע אינעם מיטל מזרח, גרעניצענדיג זיך מיט סיריע און מיט איראק. טערקיי האט געזאגט אז זי וועט נישט לאזן די קאאליציע ארויספליען אויף באמבארדירונג אקציעס אויף סיריע פון באזעס אין טערקיי און וועט זיך אליין אויך נישט באטייליגן אין קיין שום קאמפס אקציעס, נאר וועט זיך פולשטענדיג קאנצענטרירן אויף הומאניטארע אקציעס.

# גרויסע ריזיקע מיט גרעסערע אמעריקאנער באמבארדירונגען

אויפצומארגענס נאך די אבאמא רעדע מיטוואך נאכט וואו ער האט געמאלדן א גרעסערע אמעריקאנער מיליטערישע ראלע קעגן אייסיס, אפילו אויב ער באטאנט אז מ'וועט נישט אריינשיקן קיין אמעריקאנער מיליטער אין א לאנד מלחמה, האט אבער פרעזידענט אבאמא אונטערגענומען א גרויסע ריזיקע מיט אריינשטופן דאס אמעריקאנער מיליטער אין א מיליטערישע אקציע וואס וועט וואקסן. עס קומט מיט קלארע געפארן וואס מ'זעט שוין און מיט אנדערע געפארן וואס מ'קען זיך נאכנישט פארשטעלן. מ'ווייסט נאכנישט די קאסטן ווי הויך דאס קען ארויפציען, אדער ווי לאנג דאס קען זיך פארשלעפן און אוודאי קען מען נישט פאראויסזאגן וואס פארא קאנסעקוועצן דאס קען אלץ ברענגען.

זינט אבאמא איז געווארן פרעזידענט, איז געווען א הויפט ציל פאר אים צו ענדיגן אמעריקע'ס מלחמות אין אויסלאנד, איז איראניש אז איצט פעדימט ער איין אזא ברייטן באמבארדירונג קאמפיין אין איראק און אין סיריע. אבאמא שיקט אויך הונדערטער אמעריקאנער טרופן קיין איראק צו העלפן לערנען די דארטיגע זיכערהייט קרעפטן. אויך דריקט אבאמא אויפ'ן קאנגרעס צו לאזן שיקן אמעריקאנער וואפן פאר די סיריע רעבעלן.

דאס פאלק האלט טאקע איצט מיט אבאמא, אנקעטעס ווייזן א ברייטע שטיצע פאר באמבארדירונגען אין סיריע און איראק אפילו אין די זעלבע צייט וואס אבאמא'ס פערזענליכע פאפולאריטעט אלס פרעזידענט פאלט, און ווען די פראגע איז איבער זיין אויסערן פאליטיק, איז אבאמא געפאלן צו כמעט א נייעם רעקארד.

מ'זעט אז אבאמא איז באקאנט מיט די נייע אנקעטעס, דעריבער האט ער אין זיין רעדע באטאנט אז מ'זעט איצט אמעריקע'ס פירערשאפט ביי אירע בעסטע מעגליכקייטן. דאס איז אזוי ווי אן ענטפער פאר קריטיקירער אפילו ביי די דעמאקראטן, וועלכע באקלאגן זיך אז עס דויערט צו לאנג פאר אבאמא צו פאסן באשלוסן.

דער פרעזידענט האט טאקע געזאגט אז יעדעס מאל ווען מיר נעמען מיליטערישע אקציעס, קומט עס מיט ריזיקעס, איבערהויפט פאר די סאלדאטן וועלכע פירן אויס די דאזיגע מיסיעס.

קריטיקירער פון ווייסן הויז טענה'ן שוין יארן אז אבאמא וויל נישט נעמען קיין מיליטערישע שריט, ווייל זיין פריאריטעט איז געווען צו פאראייביגן זיין פלאץ אין די היסטאריע אלס א שעף-קאמאנדיר וועלכער האט געענדיגט מלחמות. צוליב דעם האט ער נישט געשאנקען אזוי פיל געוויכט פאר ווארענונגען איבער דעם געפאר וואס בויט זיך אויף אינעם מיטל מזרח. אלס רעזולטאט האט ער בייגעשטייערט צו שאפן די אומשטענדן וואס האט ערלויבט פאר די איסלאמישע מיליטאנטן אויפצולעבן און האבן אזעלכע פרייע באוועגונגען איבער די גרעניץ צווישן איראק און סיריע.

ענדליך זעט איצט אויס ווי אבאמא האט שוין געכאפט אז ער לעבט אין א טעות אויב ער רעדט זיך איין אז אמעריקע קען אוועקשטיין פון מלחמות. אבאמא האט טאקע געווארנט אין זיין רעדע, אז אויב מ'וועט לאזן די טעראריסטן ווייטער אנגיין, קענען זיי שאפן א וואקסענדן געפאר וואס וועט דערגרייכן אויך אויסער די גרעניצן פון יענעם ראיאן, אריינגערעכנט ביז קיין אמעריקע.

אזא ווארענונג האט געהאט אן אפקלאנג אין אמעריקע, איבערהויפט אז עס איז געקומען אין די נאכט פאר די יערליכע סעפטעמבער 11 געדענקמאל אפצייכענונגען.

אבאמא אליין האט נישט געוואלט זאגן ווי לאנג די באמבארדירונגען קענען אנהאלטן, אבער אדמיניסטראציע באאמטע האבן יא געווארנט אז דאס קען זיין א לענגערער קאמפיין. אנדערע טיילן פון אבאמא'ס פלאן וועט אויך זיכער דויערן חדשים, אויב נישט יארן, איבערהויפט זיין פארלאנג צום קאנגרעס צו באפולמעכטיגן דעם פענטאגאן צו מושטירן און באוואפענען (מעסיגע) סיריער רעבעלן וואס זאלן ארויסהעלפן אינעם קאמפיין קעגן אייסיס.

מיט דעם אלעם האט אבאמא נאכנישט געוואלט אויפגעבן זיין חלום צו בלייבן פאראייביגט אלס א שלום-פרעזידענט. אבאמא האט באטאנט אז די מיסיע וועט זיין פיל אנדערש ווי די מלחמות אין איראק און אפגאניסטאן וואס ער האט גע'ירשנ'ט פון פריערדיגן פרעזידענט בוש. אבאמא האלט אין איין זאגן אז ער וועט נישט אריינשיקן קיין אמעריקאנער סאלדאטן צו לאנד קאמפן אין איראק אדער סיריע, און אמעריקע שטעלט נישט אויף קיין גרויסע מיליטערישע באזעס אין די 2 לענדער. אבאמא האט ענדערש געוואלט פארגלייכן זיין נייע סטראטעגיע צו די אנטי-טעראריזם קאמפיינס וואס ער פירט אן אין תימן און סאמאליע, מיט דראון אטאקעס אויף די טעראר צילן. עס איז אבער דא וויכטיגע אונטערשידן, און דאס וויכטיגסטע פילייכט איז, אז צום ערשטן מאל זינט סעפטעמבער 11, '01, האט אן אמעריקאנער פרעזידענט באפולמעכטיגט צו באמבארדירן טעראר צילן אין אן אנדער לאנד אן איינמעלדן זיי, שוין אפגערעדט פון פארלאנגען ערלויבעניש פון פאראויס, דארט צו ווארפן באמבעס.

אויך שיקט אבאמא יא אמעריקאנער טרופן קיין איראק ארויסצוהעלפן מיט די מיסיע. אין לויף פונעם זומער האט ער באשטעטיגט איבער 1,500 סאלדאטן וואס וועלן דינען ווי ראטגעבער און העלפן אין ארדענונג ברענגען די איראקער זיכערהייט קרעפטן. די אמעריקאנער וועלן אויך אנפירן מיט פארשידענע שפיאנאזש אקטיוויטעטן, און פארשטייט זיך, צו פארזיכערן די זיכערהייט ביי די אמעריקאנער אמבאסאדע אין באגדאד. איצט וועט מען זען ווי דאס אלעס וועט זיך אויסקאכן.